UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Bleterndik Di Bikher Fun Avrum Golomb / Leafing Through the Books of Abraham Golomb

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/68r599vq

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 91(1)

**Author**
Zalman Shlosser, Zalmen Shloser /

**Publication Date**
1978

**Copyright Information**
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

זלמן שלאַסער

# בלעטערנדיק די ביכער פון אַברהם גאָלאָמב

אברהם גאָלאָמב, דער פּראָמינענטער לערער, טיפער דענקער און פאָרשער פון יידישע קולטור־פּראָבלעמען, האָט ליב צו זאָגן אויף זיך אַז ער איז אַ שרייבער אויף איין טעמע, אַ בעל־דרשן מיט איין דרשה: יידישע קולטור, איר קיום און המשך. צי ער מיינט עס אויף אַן אמת צי בלויז אין שפּאַס, וויסן דאַרף מען אַז ער איז אויך דער מחבר פון עטלעכע צענדליק ביכער מיט לענגערע עסייען אויף אַזעלכע פאַרשיידענע טעמעס ווי: קדושה און וואָכעדיקייט אין יידישן לעבן; רעוואָלט פון די חז״ל; רוח אלהים, רוח הקודש און שכינה; עגאָפּאָביע; תנ״ך, גמרא און תלמוד השטעטל; קאָסמאָס, יידישקייט און יידישער גאָט, און נאָך און נאָך... אַ שלל מיט טעמעס!

פרעגט זיך: ווי קומט עס אַז פריינד גאָלאָמב זאָל האָבן דאָס געפיל אַז דאָס אַלץ איז איין טעמע, איין דרשה?

אין דער הקדמה צו זיין בוך: צו די הייכן פון יידישן גייסט, זאָגט גאָלאָמב, אַז געשריבן זיינען די עסייען די לעצטע יאָרן, אָבער „אין האַרצן זיינען די אידייען ביי מיר זינט איך געדענק זיך בכלל.״ ס'איז קלאָר, גאָלאָמב זאָגט דאָ „אידעען״ נ י ט אידעע. ער שרייבט ניט בלויז אויף א י ן טעמע אין באַגרענעצטן זין פון וואָרט, נאָר ער באַמיט זיך אויסצושעפּן די טעמע אין אַלע אירע מעגלעכע ראַמיפיקאַציעס. דאָס באַגרענעצט די איינטאָניקייט, ברענגט אַריין וואַריאַציע און מאַכט זיינע אידעען קלאָרער און אינטערעסאַנטער. לסוף אָבער קומט ער צוריק צו זיין הויפּט טעמע, צו זיין הויפּט געדאַנק, צו זיין וועלטבאַנעם, צו זיין פילאָסאָפישן מאָניזם, וואָס קאָנקרעט מיינט עס: יידן — איין פאָלק; יידישקייט — איין אינטעגראַלע קולטור; איין אלף־בית, צוויי שפּראַכן — אַל דאָס איבריקע זיינען בלויז מיטלען וואָס דערמעגלעכן דעם קיום און המשך פון יידישן פאָלק און זיין אייגנאַרטיקע קולטור.

געוויס, מען הערט אָפט מיינונגען וואָס האַלטן אַז מאָניזם בכלל איז פאַלש און נודנע. אפילו דער באַרימטער לאָגיקער בערטראַנד ראָסל האָט אַמאָל פאַרטיידיקט זיין פילאָסאָפישן פּלוראַליזם אויפן סמך וואָס איז ניט אַזוי איינטאָניק אָבער אַ סך „אינטערעסאַנטער״ ווי דער מאָניזם. אַזעלכע לאָגישע אַרגומענטן קענען אָבער ניט פּסלען דעם יידיש־פילאָסאָפישן מאָניזם, וואָס אַברהם גאָלאָמב, דער פאָרשער פון יידישע קולטור־פּראָבלעמען, איז איינער פון זיינע חסידים.

אויפן סמך פון זיינע אייגענע פאָרשונגען גלייבט גאָלאָמב צוזאַמען מיטן היסטאָריקער דובנאָוו, אַז דער וויכטיקסטער גורם פון יידישן קיום איז אַלע מאָל געוועזן דער אויטאָנאָמיזם, די יידישע נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט אָדער פאַרזיכיקייט, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון דער ספּעציפישער יידישער קאָנצענטראַציע אין שטעטל. דאָס דאַרף מיינען אַז דאָס שטעטל איז געוואָרן דער סימבאָל אָדער די פאַרקערפּערונג פון דעם כוח וואָס האָט דערמעגלעכט און גענערט דעם יידישן נאַציאָנאַלן קיום במשך דעם גאַנצן מיטלאַלטער ביז אונדזער צייט.

צי דאָס איז טאַקע געווען דער הויפּט כוח און צי אָט דער כוח קען טאַקע אויך זיין גענוג שטאַרק גורם צו זיין אונדזער

געוואָקסן אין אַ היסטאָריש־דיאַלעקטישער שייכות.

ס'איז אַן ענין וואָס מען קאָן ניט אָפּפאַרטיקן על רגל אחת. די יידישע מחשבה וועט זיך מיט דעם נאָך היפּשלעך ראַנגלען. דאָס אָבער פאַרשאָטנט ניט לגמרי גאָלאָמבס באַגריף פון אינטעגראַלער יידישקייט. בינו־לבינו דאַרף מען בויען דעם בנין פון אינטעגראַלער יידישקייט. כ'האָב דאָס געפיל אַז די אָנונג פון דעם פאַרוואָס פון יידישן קיום איז דאָ ביי אונדז אַלעמען אין געמיט, אין דער נשמה, אויב ניט דווקא אויף דער מדרגה פון באַוווסטזיין. דערווייל, לאָמיר האָפן, וועט עס קלעקן.

המשך אין דער היינטיקער צייט פון גרויס־שטאָטישער פיל־פעלקערלעכע קאָנצענטראַציע און קולטור־פּלוראַליזם — איז אַן אַנדער פראַגע. פון דעם איז אָבער ביי טייל לייענער פאַרבליבן דער פאַלשער איינדרוק אַז גאָלאָמב רופט אונדז צוריק אין דעם מיטלאַלטערלעכן אָפּגעשטאַנענעם שטעטל; צוריק צו דער הערשאַפט פון פאַנאַטישן ראַביניזם; צוריק צו איזאָלאַציע פון דער וועלט־קולטור. דאָס איז פאַלש. זיין רוף איז איבערצונעמען און אַריינצוברענגען בלויז די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם און די קולטור פונקציעס פון שטעטל אין אונדזער היינטיקן גרויס־שטאָטישן לעבן כדי צו קענען אָנהאַלטן אונדזער נאַציאָנאַלן קיום און המשך ווי אַ יידיש פאָלק. גאָלאָמב רופט ווידער און אָבער צו אַקטיווער מיטבאַטייליקונג, צו איינוואָרצלונג און צו באַנייונג אין איינקלאַנג מיטן מוסר־השכל און די כללים וואָס מיר לערנען פון אונדזער געשיכטע.

אברהם גאָלאָמב איז פאַרבליבן היינט כמעט דער איינציקער פון דער גרויסער פלעיאַדע יידישע שרייבער־פּיאָנערן, וואָס האָבן אין אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט זיך פאַרמאָסטן צו ענדערן און אויסבעסערן דאָס אינערלעכע יידישע לעבן און האָבן אויך געקענט שרייבן מיט אויטאָריטעט וועגן אונדזערע קולטור־פּראָבלעמען, מחמת זיי אַליין זיינען אויך געווען פאַרוואָרצלט אין יידישן לעבן. אַלע זיינע טעג לעבט גאָלאָמב מיט אָט די יידישע פּראָבלעמען. טאָג נאָך טאָג פאָלגט ער נאָך אינטענסיוו זייער אויסווירקונג אין אונדזער גלאָבאַל צעשפּרייטער יידישער וועלט. ער זעט די ענדערונגען און פּרוּבירט פאַרשטיין די רעזולטאַטן וואָס זיי זיינען גורם. ער איז פול מיט זאָרג און שרעק פאַרן המשך און דריקט דאָס אויס אין זיינע עסייען. כדי צו באַנעמען דעם תוך פון אונדזערע גרונט־פּראָבלעמען האָט גאָלאָמב במשך זיין אַקטיוון לעבן דורכגעאַקערט כמעט דעם גאַנצן פאַרנעם פון דער יידישער קולטור־געשיכטע אין אַלע אירע תקופות. אומעטום זיך אָפּגעשטעלט און געזוכט באַווייזן, עדות, כדי זיך צו דערגרונטעווען צום אמת און צו געפינען די אינערלעכע היסטאָרישע געזעצן וואָס, ווי ער גלייבט, רעגולירן און דעטערמינירן דאָס יידישע לעבן.

אין יעדער עסיי זיינער אַנאַליזירט ער און צעגלידערט די גרונט קאָמפּאָנענטן פון דעם אייביקן קאָמפּלעקס יידיש פאָלק און יידישע קולטור און זייער שייכות צו דער וועלט בכלל. ער פאָרשט און קלערט אויף, צעגלידערט און דעפינירט די גאַנצע טערמינאָלאָגיע און פאַקטאָרן וואָס קומען דאָ אין באַטראַכט אין זייער היסטאָרישער און לאָגישער אָרדענונג. די טערמינען ווי שטייגער, טראַדיציע, מנהגים, שטייגער־קולטור: די באַגריפן פאָלק און קולטור, דאָס שעפערישע און דאָס געשאַפענע — דאָס איז אַ קאָלאָסאַלער אויפטו וואָס שטעלט אַוועק גאָלאָמבס פאָרשונגען ווי אַ דיסציפּלין אויף לאָגישע און היסטאָרישע יסודות אין איינקלאַנג מיט די אַנטראָפּאָלאָגישע פאָרשונגען. און אין אַלע פאַלן שעפט ער זיינע דערקלערונגען און אַנאַלאָגיעס דירעקט פון דער באָטאַניק, פיזיאָלאָגיע און ביאָלאָגיע, וואָס דאָס גיט אונדז דעם איינדרוק ווי מיר וואָלטן געגאַנגען מיט פולער זיכערקייט אויף אַן אייזערנעם בריק.

לשם אילוסטראַציע איז כדאי צו נעמען אַזעלכע פאַרכאַפּנדיקע אַנאַלאָגיעס:

„ניטאָ אין קיין ברונעם קיין וואַסערן וואָס זיינען פריער ניט געווען אין דער אַטמאָספער. ניטאָ אין די שאַפונגען פון אַ מענטשן, פון דעם געניאַלסטן מענטשן, עפּעס וואָס עס איז ניט געווען אין זיין גייסטיקער אַטמאָספער."

„קיין געניאַלער מענטש שאַפט ניט קיין קולטור יש מאַין. די פּאָטענצן ליגן אין דער פאַרגאַנגענהייט ווי די זאָמען פון דער שענסטער בלום שטאַמען פון דער פאַרגאַנגענהייט."

אָדער:

„צו לעבן אין צוויי קולטורן איז ווי צו האָדעווען אַ חיה, וואָס זאָל זיין גלייכצייטיק אַ ציג און אַ וואָלף."

אַזעלכע „שטאַרקע ביישפּילן און אַנאַלאָגיעס, וואָס אינטריגירן און פאַנגען דעם לייענער און העלפן דעם שרייבער זיינען דאָ לרוב אין זיינע ביכער. זיי שטערן אָבער ניט דעם מחבר צו דעפינירן די אַלע טערמינען, וואָס סוף־כל־סוף ווערן

זיי די זיילן אויף וועלכע גאָלאָמב בויט זיין פילאָסאָפישע שיטה פון אונדזער קולטור־געשיכטע. אַזאַ צוגאַנג, אַזאַ דיסציפּלין דערמעגלעכט זיין ערשטע הנחה, אַז דער אָנהייב פון יעדער קולטור איז אַ תולדה פון פּשוטן פאָלקס־לעבן, פון די פאָלקישע איבערלעבונגען און דערפאַרונגען. אָט די בשותּפותע איבערלעבונגען און מנהגים שאַפן מיט דער צייט אַ באַזונדער פאָלק. זייער שטייגער שאַפט קולטור־ווערטן וואָס ווערן איבערגעגעבן צו די ווייטערדיקע דורות. דער שטייגער, דאָס לעבן גופא איז דער יסוד, דאָס שעפערישע, און די שאַפונגען זיינען די פּראָדוקטן, די קולטור־ווערטן וואָס מען קען אָפּטיילן פון פאָלק, ווי למשל, אַ בוים און זיינע פּרוכטן.

ס'איז אַ ברייטער און טיפער אַנאַליז וואָס שטיצט זיך אויף פיל יאָריקע דעטאַליזירטע פאָרשונגען, באַטראַכטונגען און טרעפלעכע אַנאַלאָגיעס צעשפּרייט איבער אַלע זיינע כתבים מיט פיל איבערחזורונגען צוליב זייער וויכטיקייט און וואָס פירט דעם פאָרשער צו זיין צווייטן פּרינציפּ, דעם פּרינציפּ פון נאָרמאַלער קולטור צירקולאַציע ווי דאָס ביאָלאָגישע געזעץ פון לעבעדיקן קיום. די קולטור־צירקולאַציע ביי אַ פאָלק, זאָגט גאָלאָמב, איז געגליכן צו דער בלוט־צירקולאַציע ביי אַ יחיד.

ס'איז דאָ ניט נייטיק אַריינצוגיין אין די פּרטים פון אָט דעם געזעץ און די אַנאַלאָגיע. גאָלאָמב טוט דאָס אַליין אין זיינע עסייען. עס קומט דאָ אָבער אויף אַ חשד אַז אָט דער פאַרגלייך איז מתחייב אַ מאָניסטישע קולטור אָבער ניט קיין פּלוראַליסטישע, ווי די טענדענץ איז איצט. איצט הערשן ביי אונדז פרעמדע השפּעות. מיר לעבן אין אַ וועלט פון פּלוראַליסטישע קולטורן און עס איז כמעט אוממעגלעך אויסצומיידן פרעמדע השפּעות. וואָרעם די געפאַר פון פרעמדע איינפלוסן אויפן יידישן לעבן איז דאָך געוויס ניט קיין נייע דערשיינונג. און ניט מיט אָט דעם פרעמדן איינפלוס קעמפט ער. אדרבה, אָט די אַלע השפּעות פון איין פאָלק אויפן אַנדערן, פון איין קולטור אויף דער אַנדערער — זאָגט גאָלאָמב — זיינען אין דער אמתן געזונטע פּאָזיטיווע דערשיינונגען בלויז ווען זיי אַנטוויקלען זיך אָרגאַניש, ווען זיי וואַקסן אַרויס פון דער אָרגאַניש־פאָלקישער גאַנצקייט, ווען זיי זיינען ניט מעכאַניש קאָפּירט.

די קריטעריע ווי אָפּצושיידן אייגנס פון פרעמדם איז צו פרעגן פון וואַנען שטאַמט עס? ווי די חז"ל האָבן געפרעגט: מן התורה מניין? דאָס היינטיקע מוז שטאַמען פון דעם פריערדיקן. די יונגע צאַרטע צווייגעלעך פון אַ בוים מוזן אָנוואַקסן אויף די אַלטע, פון די אַלטע וואָרצלען. דאָס איז דער דרך פון נאַטירלעכער אַנטוויקלונג, פון המשך. נאָך דעם ווי איינער ווערט פאַרוואָרצלט אין דער אייגענער קולטור קען ער שוין גרייט זיין אויף אַ נאַטירלעכן אופן אָפּצוקלייבן פון דאָס פרעמדע דאָס וואָס ער האַלט פאַר נייטיק. ער קען שוין דאַן דאָס פרעמדע פאַרדייען און דאָס פאַרוואַנדלען אין אייגנס — אויב נייטיק. נאָך דעם ווי מען קען שוין דאָס אייגענע לשון, קען מען שוין אָן שאָדן לערנען אַנדערע שפּראַכן.

אָט דער אבן נגף איז פריינד גאָלאָמבן קלאָר. דעריבער שטעלט ער אַוועק ווי אַ פאַרזיכערונג אַ דריטן פּרינציפּ — דעם פּרינציפּ פון פאַרזיכיקייט, וואָס ער האָט געפונען אויף זיינע עקסקורסיעס אין דער יידישער קולטור־געשיכטע ווי אַ באַדינג פאַר קיום און המשך. אָט דעם פּרינציפּ האָט ער געפונען ביי די חז"ל.

זיין ליבשאַפט פאַר די חז"ל איז דעריבער אין לשער. זיי זיינען עס געווען די איינציקע וואָס האָבן פאַרשטאַנען ווי צו בויען און פאַרמירן דעם נצח ישראל, די אייביקייט פון יידישן פאָלק. זיי האָבן געלייגט זיכערע יסודות פאַרן יידישן קיום וואָס האָבן אויסגעהאַלטן ביז אונדזער צייט. דעריבער שטעלט גאָלאָמב אַוועק די שאַפונגען פון די חז"ל העכער ווי די פון די נביאים. גאָלאָמבס עסייען וועגן די חז"ל אָטעמען מיט אַ פאַרשיכורנדיקער ליבשאַפט צוליב זייערע קלאָרע הלכות, וואָס אין לעצטן סך־הכל האָבן זיי איינגעהאַלטן די נאַציאָנאַלע גאַנצקייט און אייניקייט פון יידן אין זייער ווייטער צעשפּרייטקייט. אַזאַ ליבשאַפט גיט קאָליר, וואַרעמקייט און אינטערעס צו זיינע שילדערונגען על החשבון די אָביעקטיווע פאָרשונג. אַזאַ איינדרוק שאַפט זיך ווען גאָ־

לאָמב גייט איבער צום „תלמוד השטעטל״. וואָרעם ערשט דאָ אין שטעטל האָט זיך די פאַרזיכיקייט, די נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט, פאַנאַנדערגעבליט ווי קיין מאָל פריער. יענע לענדער, יענע ישובים אָבער, וואָס האָבן ניט געבויט קיין אָפּגעזונדערט גייסטיק לעבן, האָבן פאַקטיש ניט געהאַט קיין לאַנגן קיום. זייער נאָרמאַלע קולטור־צירקולאַציע איז צעשטערט געוואָרן. אונדזער געשיכטע, זאָגט גאָלאָמב, איז דעריבער אַ בית־עולם פון אונטערגעגאַנגענע ישובים. ישובים אָן יורשים, אָן המשך. „ירשען קען מען עלטערן אָבער ניט קיין עלטער־עלטער־זיידעס.״

אַט דעם מוסר השכל לערנט גאָלאָמב דירעקט פון דער יידישער געשיכטע. ער פאָרשט דאָס יידישע לעבן אין גלות אשור, שפּעטער אין מצרים און נאָך שפּעטער אין מערב אייראָפּע. ער וויל פאַרשטיין פאַרוואָס זיינען יידן דאָרט אונטערגעגאַנגען, זיך אויסגעמישט מיט די שכנישע פעלקער, בעת אין גלות בבל, אין דער פּערסישער תקופה און שפּעטער אין מזרח אייראָפּע זיינען יידן געבליבן ביי זייער אייגענער קולטור, ביי זייער יידישקייט טראָץ די רדיפות און פּאָגראָמען און טראָץ זייער רעכטלאָזיקייט. דער ענטפער איז: די יידן האָבן דאָרט געלעבט פאַרזיך, אין זייער אייגענעם קולטור־שטייגער און אָנגעהאַלטן זייער אייגענע קולטור־צירקולאַציע.

פון דעם אַנאַליז קען מען אויך פאַרשטיין די פונדאַמענטאַלע ענדערונגען וואָס דאָס יידישע פאָלק גייט איצט דורך כדי צו קענען פאָרט בלייבן ווי אַן אייגנהייטלעך, אייגנאַרטיק פאָלק, סיי אין מדינת ישראל, סיי אין די תפוצות. דער קריזיס שטאַמט סיי פון אויסערלעכע באַדינגונגען אונטער וועלכע ס'קומט אונדז אויס צו לעבן, סיי פון די אינערלעכע באַדינגונגען וואָס זיינען געוועבט אין אונדז אַליין ווי יחידים און ווי אַ פאָלק. די באַדינגונגען וואָס שטאַמען פון אונדז אַליין, גלייבט גאָלאָמב, זיינען די געפערלעכסטע — דער דראַנג צו אַסימילאַציע איז געוואָרן קאַטאַסטראָפאַל אפילו אין ישראל. און די איינרעדעניש אַז רעליגיע קען אונדז העלפן, איז שטאַרק איבערטריבן מחמת אויך דאָרט הערשט אַ שפּראַכלעכע און קולטור אַסימילאַציע.

קען מען זיך העלפן צי קען מען ניט זיך העלפן? יאָ, מען קען, נאָר דאָס פאָלק וויל ניט! דער ביטערער פאַקט איז, דאָס יידישע פאָלק האָט זיך אַליין פאַרראַטן — זאָגט דער פאָרשער פון אונדזער קולטור־געשיכטע. דאָס איז צוליב דער השפעה פונעם ביטערן גלות. די פּסיכיק פון אַ פאָלק איז אַ פּראָדוקט פון זיין לעבן. געווען ביי אונדז תקופות וואָס האָבן געשאַפן אַ שטאָלצע באַציִונג צו זיך, צום אייגענעם פאָלק. און געווען תקופות פאַרקערטע, וואָס האָבן דערדריקט דעם גייסט פון פאָלק. דאָס פאָלק האָט אויפגעהערט דרך ארץ צו האָבן פאַר זיך און פאַר זיין גייסטיק פאַרמעגן. ווי נאָר ס'האָט זיך געעפנט אַ טיר צו דער גויישער וועלט, וואָס האָט אונדז געהאַסט, האָט מען גענומען אַהין לויפן. איז די אייגענע היים געוואָרן אַ געטאָ און די אייגענע שפּראַך אַ „זשאַרגאָן״ און דאָס אייגענע פאָלק אַ פאַרזעעניש. דאָס יידישע פאָלק איז אַזאַ ווי די צייט האָט עס געמאַכט, איבערגעשאַפן. דאָס פרעמדע איז געוואָרן גוט און דאָס אייגענע טויג מער ניט. ניט נאָר פון דער שפּראַך לויפן יידן. פון זיך לויפט מען, פון אייגענעם פאָלק. ניט נאָר די קולטור־אַסימילאַציע איז גרויס; אויך די ביאָלאָגישע, די געמישטע אַסימילאַציע איז געפערלעך גרויס.

אונדזער היינטיקע תקופה פון גרויס־שטאָטישקייט, פון אורבאַניזם, האָט דערווייל נאָך ניט געשאַפן קיין נייע פאָרמען פון יידישקייט. דאָס מיינט אָבער ניט אַז דאָס איז שוין דער סוף פון יידישן פאָלק. די פּראָבלעם איז, צי דאַרפן די גרויסע שטעט זיין אַ זאַמלונג פון יחידים, אַזוי ווי די פראַנצויזישע און די דייטשישע יידן האָבן געטענהט בעת דער עמאַנציפּאַציע; אָדער זיי דאַרפן זיין זאַמלונגען פון פאָלקישע קאָלעקטיוון, אַזוי ווי ס'איז געווען אין מזרח־אייראָפּע, אין פּוילן. אויב בלויז יחידים, איז דאָס יידישע פאָלק פאַרלאָרן. נאָר אויב מיר זיינען אַ פאָלק, ירשענען מיר די גאַנצע פאַרזיכיקע פאָלקישקייט וואָס איז געווען אין דער שטעטל־תקופה, די פאַרשריבענע

ווי די ניט פאַרשריבענע. זיינען מיר אָבער בלויז אַ רעליגיע, היטן מיר נאָר די פאַרשריבענע מצוות און הלכות און מער דאַרף מען ניט. כשרות ביים עסן איז פאַרשריבן אין שולחן ערוך, דאַרף מען עס היטן. אָבער היטן דאָס יידישע לשון איז אין שולחן ערוך ניט פאַרשריבן, דאַרף מען עס ניט היטן.

אין שטעטל איז אונדזער קולטור געווען מאָניסטיש, איינס, ניט געמישט מיט אַ פרעמדער קולטור. כדי יידן זאָלן וואַקסן מאָניסטיש אויך אין אורבאַניזם, מוז די היים אויך זיין מאָניסטיש, איין קולטור. ביז איצט האָט דאָס געטאָן די יידישע רעליגיע. אַ יידישע שטוב האָט זיך גאָר אַנדערש געפירט, געלעבט. דאָס איז אָבער אין דער אמתן גאָר ניט קיין רעליגיע אין געוויינטלעכן זין פון וואָרט. עס איז אין תוך דאָס אָפּהיטן דעם יידישן פאָלקישן כאַראַקטער פון דער משפחה, פון דער שטוב. פאַרשטייט זיך, אַז אין דעם פאַל שפּילט דאָס יידישע לשון דאָ די ערשטע פידל. מען דאַרף עס נאָר וועלן. אָבער דאָס פאָלק וויל ניט!

פון דעסטוועגן טאָר מען זיך ניט איינרעדן אַז אַזוי בלייבט עס. לויט גאָלאָמבס אַלגעמיינע הנחה, ווי מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, האָט די יידישע געשיכטע אירע אייגענע געזעצן וואָס לאָזן זיך פאָרמולירן און פאָרויסזען. זעט ער פאָרויס אַז אין דעם אַלגעמיינעם לעבן פון דעם פילפעלקערלעכן לאַנד אַמעריקע גייט איצט די ליניע פון היסטאָרישער אַנטוויקלונג צו עטניציזם, צו פאָלקיזם, אָנשטאָט אויסמישונג, „מעלטינג פּאָט", ווי מען האָט אַמאָל געמיינט. ער זעט פאָרויס דאָס אויפקומען פון אַ באַוועגונג איינצוהיטן די אַהער געבראַכטע קולטורן פון די באַזונדערע פעלקער. און יידן וועלן — אפילו ניט ווילנדיק, ווי דער שטייגער איז — מוזן מיטגיין מיטן עטנישן שטראָם פון לאַנד. הגם איצט איז ניטאָ ביים פאָלק די ליבשאַפט צו דער אייגענער פאָלקס־קולטור, ניטאָ אפילו קיין איינהייטלעכער רעליגיעזער גלויבן, פון דעסטוועגן מערן זיך איצט ביי יידן די טאָג־שולן, טאָקע מערסטנס רעליגיעזע נאָר דאָך טאָג־שולן אָדער ישיבות קטנות. אין איינקלאַנג מיט זיין אַלגעמיינער טעאָריע וועגן די פּראָצעסן פון קולטור אַנטוויקלונג וואָס נעמט אויך אַריין רעליגיע קענען אָט די טאָג־שולן שטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן קיום אויב זיי וועלן ניט בלייבן איינגעפּאָרן אין זיך אַזוי ווי אַן אָפּגעשלאָסענע אויף אייביק פאַרפיקסירטע רעליגיע. יידישקייט, ווי אַ שטענדיקער קולטור פּראָצעס מיט אַן אייגענעם שטייגער, לשון און אַ פאַרזיכיק לעבן קען יאָ האָבן אַ נאַציאָנאַלן קיום.

בלעטערנדיק די ביכער זיינע האָב איך געזוכט דאָס עיקרדיקע פון גאָלאָמבס געדאַנקען, זיין וועלט באַנעם און זיין ביישטראָג צו דער לייזונג פון אונדזערע היינטצייטיקע יידישע פּראָבלעמען. ווי אָנגעוויזן שוין ביים אָנהייב איז אברהם גאָלאָמב כמעט אַלע זיינע יאָרן קודם כל אַ לערער, אַ דערציער, אַ וועגווייזער. מען קען דאַכט זיך זאָגן אַז אָט די אייגנשאַפט זיינע האָט עס אים געטריבן צו זיינע ווייט־גייענדיקע פאָרשונגען. וויל מען זיך אָבער באַקענען מיט זיין פּעדאַגאָגיק, וויל מען אויסגעפינען די רעזולטאַטן פון זיין אַרבעט אין דער יידישער שול, דאַן מוז מען זיך באַקענען דער עיקר מיט זיינע תלמידים. טיילווייז קען מען דאָס אויסגעפינען דורך כאַפּן אַ בליק אין די האַרציקע באַגריסונגען פון טייל תלמידים זיינע, וואָס זיינען דאָ געדרוקט אויף די ווייטערדיקע זייטן פון „חשבון".

צו זיין 90טן געבוירן־טאָג ווינטשן מיר אונדזער פריינד אברהם גאָלאָמב צוזאַמען מיט זיין פרוי רבקה סאַוויטש גאָלאָמב, נאָך פיל יאָרן פון געזונט און שעפערישע אַרבעט.